**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/21/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אז 60 מיליאן דאלארדיגער Restore New York פראגראם וועט אנהויבן אננעמען אפליקאציעס מארגן**

***פראגראם שטיצט לאקאלע באמיאונגען צו פארוואנדלען חרוב'ע, נישט אויסגענוצטע סטרוקטורן צו ווערן לעבהאפטיגע וואוינונג, האנדל און אויסגעמישטע דעוועלאפמענטס – אפליקאציע וועלן פארעפנטליכט ווערן [דא]()***

***פאלגט נאך גאווערנער'ס עקזעקיוטיוו בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 פארשלאג צו אינוועסטירן 50 מיליאן דאלאר אין צוקונפטיגע רונדעס פון Restore NY***

***וועבינאר מיט אנווייזונגען פאר אינטערעסירטע לאקאלע רעגירונגען וועט אפגעהאלטן ווערן פעברואר 27 — רעגיסטרירט אייך [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז אפליקאציעס פאר די קומענדיגע 60 מיליאן דאלארדיגע רונדע פון דעם Restore New York ('ברענג צוריק ניו יארק') גרענט פראגראם וועלן אנהויבן אנגענומען ווערן מארגן, פעברואר 22, 2024. דער פראגראם, פארטיילט דורך עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD), שטיצט לאקאלע רעגירונגען'ס באמיאונגען צו אראפווארפן און איפערעכטן חרוב'ע סטרוקטורן און זיי פארוואנדלען אין לעבהאפטיגע וואוינונג, האנדל און אויסגעמישטע דעוועלאפמענטס. אלס טייל פון די עקזעקיוטיוו בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025, האט גאווערנער האקול פארגעשלאגן א 50 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג צו פינאנצירן צוקונפטיגע רונדעס פון Restore NY, ארויפבויענדיג אויף איר איבערגעגעבנקייט צו אויפלעבן ניו יארק'ס שטאטישע צענטערן, פארגרעסערן די האוזינג מארקעט און טרייבן לאקאלע עקאנאמישע וואוקס. אפליקאציעס פאר די רונדע וועלן זיין צו באקומען [דא]() פון מארגן.

"מיט Restore New York לייגן מיר אוועק 60 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג צו צוריק אריינבלאזן א חיות אין קאמיוניטיס אריבער אונזער גאנצע סטעיט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דער פראגראם גיבט פאר לאקאלע רעגירונגען די שטיצע וואס זיי דארפן צו פארוואנדלען חרוב'ע און צופאלענע געביידעס צו ווערן הייזער, ביזנעס צענטערן און מער, און סיי וועלכער לאקאלער פירער וואס איז גרייט צו עפענען די פאטענציאל פון זייער קאמיוניטי זאל אפלייען."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָפּ נייט, האט געזאגט,** "Restore New York גיבט פאר לאקאלע רעגירונגען די שטיצע וואס זיי דארפן צו קענען ברענגען אן עכטע טויש צו זייערע קאמיוניטיס. דורכן אוועקנעמען אדער איבערמאכן די שטאך אין אויג וואס ציהט אראפ א געגנט, האבן לאקאלע רעגירונגען א געלעגנהייט צו אויפלעבן זייער קאמיוניטי און אויפטרייבן נייע עקאנאמישע געלעגנהייטן."

די ציהל פון Restore New York איז צו העלפן צוציהען איינוואוינער און ביזנעסער דורכן איבערמאכן פראפערטיס צו וואוינען, פאר ביזנעס און פאר אויסגעמישטע באנוצן. יעדער פראיעקט דארף זיין איינשטימיג מיט די ראיאנישע סטראטעגישע פלאן פון די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל (Regional Economic Development Council) און פראיעקטן דארפן ארייןפאסן פון אין ארכיטעקטורישע געביטן מיט די ארומיגע פראפערטיס אדער איינשטימיג מיט די לאקאלע רעגירונג'ס לאקאלע אויפלעבונג אדער שטאטישע אנטוויקלונג פלאן.

פינאנצירונג קען גענוצט ווערן פאר ליידיגע, פארלאזטע, סכנות'דיגע אדער געוועזענע רעגירונג'ס געביידעס, און די פראפערטיס קענען צעווארפן אדער צונומען ווערן און איבערגעמאכט אדער איבערגעבויט ווערן. א דגש וועט געלייגט ווערן אויף פראיעקטן אין עקאנאמיש-געפלאגטע קאמיוניטיס, פראיעקטן וועלכע נוצן אויס אנדערע סטעיט אדער פעדעראלע איבערבויאונג געלטער און לויט די פראיעקט'ס אויסזיכטן פאר הצלחה און גרייטקייט. בארעכטיגטע אפליקאנטן רעכענען אריין קאונטיס, סיטיס, טאונס און ווילעדזשעס אין ניו יארק סטעיט באזירט אויף די פאלגנדע קריטעריאנען:

- סיטיס מיט באפעלקערונגען העכער פון 100,000 קענען אפלייען פאר ביז אזויפיל ווי 4 מיליאן דאלאר פאר איין פראיעקט. סיטיס וואס האבן איבער באפעלקערונגען העכער פון 1 מיליאן מענטשן און קאונטיס מוזן אפלייען פאר פראיעקטן אין עקאנאמיש-געפלאגטע געגנטער פון די סיטי.
- סיטיס און ווילעדזשעס מיט באפעלקערונגען צווישן 40,000 און 99,999 קענען אפלייען פאר איין פראיעקט פאר ביז אזויפיל ווי 3 מיליאן דאלאר.
- אלע אנדערע לאקאלע רעגירונגען קענען אפלייען פאר איין פראיעקט פאר ביז אזויפיל ווי 2 מיליאן דאלאר.

עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט וועט מעגליך שענקן א באגרעניצטע צאל פון ספעציעלע גרענטס. לאקאלע רעגירונגען מיט באפעלקערונגען פון 100,000 אדער ווייניגער און קאונטיס מיט באפעלקערונגען מיט 400,000 אדער ווייניגער – לויט די לעצטע צענזוס – קענען אפלייען פאר נאך 10 מיליאן דאלאר פאר א צווייטער, באזונדערער פראיעקט **אדער** פאר טייל פון א גרעסערער פראיעקט, אין צוגאב צו די פינאנצירונג מאקסימום וואס איז אויסגערעכנט געווארן אויבן. ספעציעלע פראיעקטן זענען אזעלכע וואו די פראפערטי פאראורזאכט שווערע עקאנאמישע שאדן פאר דער קאמיוניטי, איבערלאזנדיג אן אנזעבארע, פארלאזטע פראפערטי אדער פראפערטיס אין די צענטראלע ביזנעס דיסטריקט א שווער אדער מעסיג געפלאגטע קאמיוניטי וואס האט א נעגאטיווע ווירקונג אויף די אלגעמיינע עקאנאמישע אנטוויקלונג פאטענציאל פון דער קאמיוניטי.

קאמיוניטיס וואס זענען אינטערעסירט צו אפלייט ווערן געמוטיגט זיך צו רעגיסטרירן [דא](#) פאר די ESD'ס אנווייזונגען וועבינאר וואס וועט אפגעהאלטן ווערן אום פעברואר 27. א בויגן איבער די כוונה צו אפלייען מוז ערהאלטן ווערן דורך ESD ביז מערץ 25, 2024. פאר מער דעטאלירטע אינפארמאציע איבער דעם פראגראם און פאדערונגען, באזוכט [https://esd.ny.gov/restore-new-york](https://esd.ny.gov/restore-new-york).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן